# דאס תורה אידנטהום און די מדינה

פון אוריאל צימער ז״ל

## מדינה ווערט א ווירקליכקייט

קיין וואונדער נישט וואס אין דער פארצווויי־פעלטער לאגע אין וועלכען עס האבן זיך געפונען די אידען אין די פליטים לאגערן, ובפרט נאך דער שטארקער ציוניסטישער פראפאגאנדע אין אט די לאגערען, וואס אפטמאל איז געווען באגלייט מיט דראאונגען — האט די ידיעה וועגען באשלוס אויפצושטעלען א אידישע מדינה ארויסגערופען א כוואליע פון פרייד אין פיל קרייזן, עס פארשטייט זיך אז אין די טומעלסדיגע פרייד האט געהערשט צווישן די וועמען דאס אויפשטעלען א מדינה האט צו גארנישט מחייב געווען — אויסער עטליכע דאלארען (וואס מען קען אפרעכענען פון איינקונפט שטייער) — די אמעריקאנער ציוניסטן...

עס איז אמת, אז צוליב דעם אויפשטעלען די מדינה איז פארלייכטערט געווארען די מעגליכקייטען פאר פיל אידען צו פארלאזען די לאגערען, און טייל האבן גענאסען א צייטווייליגע פארלייכטערונג. אבער די השקפה פון דער תורה אין באצוג צו דער מדינה האט נישט געקענט זיין אנדערש ווי צום ציוניזם. ווארום די מדינה איז נישט עפעס אנדערש ווי א דירעקטער רעזולטאט פון ציוניזם. דער ציוניזם האט געשטרעבט צו א מדינה אלס „לעזונג פון דער אידען פראגע״ און אלס טייל פון „נארמאליזירונגס״ פראצעס פון אידישן פאלק — און דער ציוניזם האט ענדליך דערגרייכט זיין שטרעבונג.

ווי מיר האבן געשריבען אין אנהייב איז די מדינה נישט פון יענע מדינות וואס זיינען געשאפען געווארען פון לאנג אלס קעניגרייכען און שפעטער איז דארט אויפגעקומען אזא צי אן אנדערער רעזשים. מדינת ישראל איז פון יענע מדינות וואר דער רעזשים מאכט די מדינה און די מדינה שאפט דעם רעזשים. מדינת ישראל איז נישט א מדינה וואו די ציונים אדער דער ציוניזם הערשט דארט, נאר מדינת ישראל און ציוניזם זיינען איינס און דאס זעלבע. ביז דעם טאג פון ה׳ אייר תש״ח האט די ציוניסטישע באוועגונג און די „אידישע אגענטור״ געהאט דעם כח פון אן ארגאניזאציע אדער פארטיי. פון ה׳ אייר תש״ח און ווייטער האט די ציוניסטישע באוועגונג און די סוכנות באקומען א כח פון א מדינה. דאס האט, פארשטייט זיך געפירט דערצו אז דער ציוניזם האט באקומען אומגעהויער פיל מער מאכט און מעגליכקייטען אנצוואווארפען זיין הערשאפט, אבער עס האט גארנישט געענדערט זיין מהות.

משל למה הדבר דומה? צו א מענטש מיט רויטע האר וועלכער איז איבער נאכט געווארן רייך. דאס רייכטום וואס ער האט פלוצים דערגרייכט איז מסוגל צו ענדערען זיין לעבענס שטייגער, עס איז אויך מעגליך אז צוליב דעם וואס ער האט צובאקומען פיל פארמעגען וועט ער זיין מער פארזיכטיג, ווי פריער בשעת ער איז געווען א ארימאן, אבער ער בלייבט ווייטער דער זעלבער מענטש מיט רויטע האר, ווייל זיין מהות קען זיך נישט ענדערען.

★

פארשטייט זיך אז די עקזיסטענץ פון דער מדינה האט מיט זיך געשאפען א נייעם מצב און נייע פראבלעמען, און צוזאמען דערמיט די נויטווענדיגקייט פון נייע רעאקציע מיטלען. דער וועזענטליכער אונטערשיד צווישן דער ציוניסטישער באוועגונג אין דער מדינה באשטייט אין דעם, וואס די ציוניסטישע באוועגונג איז אן ארגאניזאציע געבויט אויף פארטייען צו וועלכער דער מענטש האט א ברירה יא